# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** הרב ר' דוד שטערן ע"ה איז געווען דער מנהל פון דער ישיבה תורה ודעת פאר צוואנציג יאר פון בערך תרצ"ה ביז בערך תשט"ו. איין טאג איז אריינגעקומען צו אים אן אינטערעסאנטער גאסט, א צוועלף יעריגער יונגעל. דער קליין קינד האט שיין באגרוסט דעם מנהל מיט גרויס כבוד. און ער האט גלייך געפרעגט אויב די ישיבה וועט אים אננעמען צו לערנען אין דעם קומענדיגען זמן.

"מיין נאמען איז יוסף לעוויטאן. איך בין צוועלף יאר אלט, און איך האב געלערנט ביז יעצט אין פאבליק סקול. אבער יעצט וויל איך לערנען דא. ביטע נעמט מיך אריין אין דיין ישיבה."

דער יונגעל האט געמאכט א פיינע רושם אויף רב שטערן. רב שטערן האט אבער געוואוסט אז עס וועט זיין אביסל שווער צו קענען צופירדענשטעלן דעם יונגעל, ווייל לכאורה האט ער נישט געהאלטן ביי דער מדריגה צו קענען לערנען אין די ישיבה. "זאג מיר יוסף... וויפיל תורה האסטו געלערנט? וואס ווייסטו אין תורה?"

"איך קען סידור מיט חומש." האט יוסף געענפערט מיט א תמימות. "אבער... די קינדער אין דיין עלטער לערנען שוין משניות און גמרא," האט רב שטערן געזאגט צו אים אין א שיינעם אופן. זיי פאנגען אן צו לערנען משניות ווען זיי זענען זיבן יאר אלט. ווי אזוי וואלסטו געטראפן א פלאץ צווישן זיי?"

"עס שטערט מיך נישט, ווען איר וואלט מיך געלייגט אין א כיתה מיט יונגערע קינדער." האט יוסף געזאגט מיט אן ערנסטקייט. "איך גיי נישט פארשעמט ווערן! איך וויל נאר לערנען תורה!"

"אה... וואלט איך געקענט, וואלט איך געלייגט אין די יונגערע כיתה. אבער איך קען נישט. עס איז דא נישט קיין פלאץ אין יענע כיתה פאר נאך א בענקל. קום, איך גיי דיר וויזן." מיט די ווערטער, איז רב שטערן אויפגעשטאנען און ער האט באגלייט יוסף ארויס פון זיין אפיס צו דער כיתה וואו די יונגערע קינדער האבן געלערנט. ער האט אים געוויזן די כיתה וואס איז טאקע אינגאנצן פול געווען. עס איז בכלל נישט געווען קיין פלאץ דארט!

רב שטערן איז צוריקגעגאנגען צו זיין אפיס מיט יוסף. יוסף איז געבליבן שטיל. נאכדעם וואס רב שטערן האט זיך אראפגעזעצט האט אים יוסף אנגעקוקט מיט אן ערנסטען פנים און געזאגט: "איך בין געקומען דא צו לערנען תורה און דער מנהל זאגט אז עס איז דא נישט קיין פלאץ פאר מיך. איך בין אפילו גרייט צו לערנען מיט די יונגערע יונגלעך, אבער איר ווילט נישט לאזן. איך האב געטון מיינס, יעצט איז עס שוין נישט מיין אחריות... ביטע שרייבט מיר א צעטל וואס שטייט אז איך בין געקומען צו לערנען, און איך בין נישט אנגענומען געווארן. דעמאלט גיי איך קענען צוריקגיין צום פאבליק סקול!"

דער מנהל רב שטערן איז געווארן איבערראשט. רב שטערן, וואס איז באקאנט געווארן פאר זיין יראת שמים, האט געוואוסט אז ער וועט נישט קענען נעמען אחריות אויף דעם וואס יוסף וועט צוריקגיין אין פאבליק סקול וואו ער וועט זיכער פארלוירן ווערן פון אידישען פאלק רח"ל. "אויב אזוי יוסף... ביסטו אנגענומען!" האט רב שטערן געזאגט.

עס איז טאקע נישט געווען קיין פלאץ אין די יונגערע כיתה, אזוי ווי יוסף האט אליינס געזען. אבער רב שטערן האט גענומען א בענקל און ער האט עס אריינגעקוועטשט אין די ריי צווישן די אנדערע בענקלעך. און דארט איז געזיצן יוסף און ער האט געלערנט תורה.

יוסף איז געבליבן אין יענע כיתה ביז דעם ענד פונעם יאר. ווען די יאר האט זיך געענדיגט, איז געקומען די צייט פאר יוסף מיט די אנדערע יונגלעך צו גיין אריין אין איין כיתה העכער, אזוי ווי די שטייגער איז. יוסף איז דעמאלט געקומען צו רב שטערן און ער האט אים געפרעגט, "מיט דעם מנהל'ס רשות, וויל איך בלייבן מיט די רבי נאך א יאר."

"אויב אזוי וועסטו זיין פונף יאר עלטער ווי די אנדערע תלמידים, [פארוואס ווילסטו נישט שטייגען?]"

"פארוואס זאל עס שטערען דעם מנהל." האט יוסף געזאגט מיט דרך ארץ, "איך פארשטיי גאנץ גוט וואס דער רבי לערנט אונז אין די כיתה. עס איז די בעסטע פלאץ פאר מיך צו לערנען."

סוף כל סוף האט רב שטערן מסכים געווען און יוסף איז געבליבן אין יענע כיתה פאר די קומענדיגע יאר. אין מיטן די יאר, איז יוסף'ס רבי ליידער געווארן קראנק. מען האט געזוכט און געזוכט אבער מען האט נישט געטראפן קיין ממלא מקום פאר דעם מלמד. וואס וועט מען טון?

דער מנהל האט דורכגעטראכט דעם פראבלעם ווען ער האט פלוצלינג געהאט אן איידיע. פארוואס זאל יוסף אליינס נישט ווערן דעם מלמד? דער יונגער בחור יוסף האט געהאט א גוטען קאפ און ער איז געווען אזוי דערוואקסן און ער האט זיך אזוי סאך געשטייגן אין לערנען דורכן פארגאנגענעם יאר. רב שטערן האט געשפירט אז יוסף וועט יא זיין מסוגל צו ווערן דער מלמד פון זיין חברים אין דער כיתה. און אזוי איז טאקע געשען.

דער מנהל איז גערעכט געווען. יוסף האט זייער שטארק מצליח געווען אלס מלמד אין יענע כיתה, און ער האט אויסגעלערנט זיינע "חברים" ביז דעם ענד פונעם יאר. נאך די יאר אלס מלמד, האט יוסף איבערגעשפרינגען פונף כיתות און ער האט דעמאלט געלערנט מיט בחורים אין זיין עלטער, און צווישן זיי איז געווען ר' משה אהרן שטערן ע"ה (דער געוועזענער משגיח פון דער קאמעניצער ישיבה.) אפילו עס האט גענומען א שטיק צייט פאר יוסף צו קענען דערגרייכן די מדריגה פון דער כיתה, ביז סוף פונעם יאר איז ער געווען דער בעסטער תלמיד אין די כיתה!

יוסף האט אסאך געלערנט צווישען די סדרים, ווייל ער האט געוואלט משלים זיין די אלע יארן וואס ער האט פארפאסט פון לערנען די הייליגע תורה. יעדעס יאר האט ער מסיים געווען עטליכע מסכתות אין ש"ס מיט מפרשים. ער פלעגט אריינשרייבן זיינע חידושים אין גמראס וואס ער האט געלערנט.

ב"ה אז יוסף איז געווארן א תלמיד חכם און ער האט אנגעהויבן צו זאגן שיעורים צו הונדערטע בחורים. ליידער האט יוסף נישט זוכה געווען צו האבן אריכות ימים. אבער אין די יארן האט ער אסאך תורה געלערנט מיט מסירות נפש, און ער האט געענדיגט רוב ש"ס.

עס שטייט אין די הייליגע תורה די וואך "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום" – אבער איר, וואס האט זיך באהעפט אין ג-ט, לעבט איר אלע היינט. (דברים ד,ד) פון דא זעט מען אז דער עיקר חיות איז דבקות צום אייבערשטען. דורך דעם וואס א איד באהעפט זיך צום באשעפער, שפירט ער א חיות אין לעבן. מען זעט דעם ענין אין דעם מעשה וואס מען האט דערציילט. יוסף איז נישט צופרידן געווען צו בלייבן ביי זיין דרגה אין תורה. און ער האט זיך געעקשנט זיך צו בעסערן אין רוחניות. אזוי דארף זיין די עיקר ציל אין לעבן פאר א איד, זיך צו בעסערן אין ענייני רוחניות. ווייל כאטש אפילו אז מען מוז עוסק זיין על המחיה ועל הכלכלה, וויל דער אייבערשטער באמת אז מען זאל זיין דבוק צו אים "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום". **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר בערל לעווין הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו ישראל הי"ו • מזל טוב למוה"ר אלי' יעקב ברוין הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו יצחק הי"ו
מזל טוב למוה"ר אלימלך זאב גלאנץ הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו ברוך יחיאל דוב הי"ו
לע"נ ר' פייוועל בן ר' אפרים ע"ה • נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, יהודה בן אסתר,
משה דוד בן מרים בתשח"י • לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362-3234
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**